בין איך זיך פאַר דיר מתוודה, אַז לויט דעם
(משיחישן) דרך, וועלכן זיי רופן אָן כיתה, אַזוי־אַ דין
איך דעם ג־ט פון אונזערע אבות, גלייבנדיק אַלץ,
וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה און אין די
15 נביאים; און האָב אַ האָפנונג צו ג־ט, וועלכע
זיי אַליין דערוואַרטן, אַז עס וועט זיין אַ תחית
16 המתים פון צדיקים און רשעים. דעריבער באַמי
איך מיך תמיד צו האָבן אַ לויטער געוויסן פאַר
17 ג־ט און פאַר לייטן. און נאָך פיל יאָרן בין איך
געקומען צו ברענגען נדבות צו מיין פאָלק, און
18 קרבנות; מיט וועלכע זיי האָבן מיך געפונען, נאָך
דעם ווי איך האָב מיך געהייליקט אינם בית המקדש,
נישט מיט קיין המון מענטשן און נישט מיט קיין
19 געטומל; נאָר עס זענען דאָ אייניקע יידן פון (קליין)
אַזיען, וועלכע וואָלטן געדאַרפט דערשיינען פאַר דיר
און מאַכן אַ באַשולדיקונג, אויב זיי האָבן עפּעס קעגן
20 מיר. אָדער זאָלן די דאָזיקע (מענטשן) אַליין זאָגן,
וואָס פאַר אַן אומגערעכטיקייט זיי האָבן געפונען
אין מיר, בשעת איך בין געשטאַנען פאַרן סנהדרין,
21 אַ חוץ וועגן דעם דאָזיקן איינעם וואָרט, וואָס איך
האָב אויסגעשריגן, שטייענדיק צווישן זיי: וועגן
תחית המתים ווער איך היינט געמשפּט פון אייך.
22 פעליקס אָבער, קענענדיק דעם (משיחישן) דרך
גענויער, האָט זיי אָפּגעלייגט, און געזאָגט: ווען
ליזיאַס דער הויפּטמאַן וועט אַראָפּקומען, וועל
23 איך אַנטשיידן אייער זאַך. און האָט באַפוילן דעם
אָפיציר אים צו היטן מיט מילדקייט, און נישט צו
שטערן קיינעם פון זיינע פריינט אים צו באַדינען.
24 און אין אייניקע טעג אַרום איז פעליקס געקומען
מיט זיין פרוי דרוסילאַ, וועלכע איז געווען אַ
יידישקע, און געלאָזט רופן פּוילוסן, און אים